בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת יתרו תשע"ז | גליון 397 [שנה ט']

**ווער זאגט אז יתרו האט זיך געפריידט?**

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי־הוֹצִיא ה' אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: (יח א) זאגט רש"י מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק. און נאכדעם שטייט (פסוק ט) וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר־עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל. און וַיִּחַדְּ מיינט געפריידט, איז די שאלה פון וואו ווייסט מען אז יתרו האט זיך געפריידט? נאר עס איז משמע פון אור החיים הק' אז מיט דעם וואס יתרו האט געוואלט הערן אלע פרטים פון די אידן ביים ארויסגיין פון מצרים און אויך נאכדעם, מוז דאך זיין אז ער איז נישט געווען א שונא צו די אידן ווייל א שונא וואלט נישט געקענט צוהערן צו אזעלכע ניסים פאר זיין שונא. איז לויט דעם מוז מען זאגן אז די שאלות איז געווען ווייל ער האט זייער ליב געהאט די אידן, ממילא האט יתרו זיך געפריידט מיט אלעס וואס עס האט געשען מיט זיינע ידידים, דעריבער איז געווען זיס צו הערן די אלע ניסים, און האט ער זיך זייער געפריידט. (שמח זבולון תשע"ז)

**וואס איז דער ענין פון כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן**

וְהַר סִינַי עָשַׁן כֻּלּוֹ מִפְּנֵי אֲשֶׁר יָרַד עָלָיו ה' בָּאֵשׁ וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן: (יט יח) דארף מען פארשטיין דעם ענין פון עֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן, די אֵשׁ פון א קָאלַאךְ אוֹיוֶון, וואס איז דא די שייכות צו א כִּבְשָׁן? נאר די גמ' (פסחים דף ל:) זאגט: וְהתורה הֵעִידָה על כְּלִי חֶרֶס שאינו יוצא מידי דוֹפְיוֹ לעולם, א כְּלִי חֶרֶס אויב עס האט עפעס בוֹלֵעַ געווען אין די כלי, קען די בליעה נישט ארויסגיין פון דעם דורך כַּשֶׁרְ'ן אדער ליבון מיט פייער, נאר מען דארף דאס צוברעכן, און אז מען שטעלט דאס צוריק צוזאמען איז דאס כשר, ווייל עס הייסט יעצט א נייע כלי. פרעגט תוס' זאל מען אריינלייגן די כְּלִי חֶרֶס אין א קָאלַאךְ אוֹיוֶון און אזוי וועט די כלי שוין זיכער נישט האבן קיין בליעה? און תוס' ענטפערט אז דער כבשן וועט דאס מאכן א נייע כְּלִי, און דאס הייסט שוין ווייטער נישט דעם זעלבע כְּלִי, איז דאס די זעלבע ווי מען צוברעכט דאס און מען שטעלט דאס צוזאמען ע"כ. יעצט א מענטש איז ווי א כְּלִי חֶרֶס ווייל עס שטייט וַיִּיצֶר ה' אֱלֹקִים אֶת־הָאָדָם עָפָר מִן־הָאֲדָמָה (בראשית ב ז), און דער אדם, די כְּלִי חֶרֶס, האט דאך בולע געווען די שמוץ און טומאה פון מצרים, און כדי זיי זאלן זיין גרייט צו מקבל זיין די הייליגע תורה, האט מען זיי געדארפט אריינלייגן אין א כבשן האש וואס דאס וועט זיי מאכן ווי א נייע כלי און אזוי ארויסנעמען די בליעת האיסור, אזוי ווי תוס' זאגט, דעריבער איז געווען וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן, א כִּבְשַׁן הָאֵשׁ, צו האבן א הכנה צו קבלת התורה. (צמח דוד – דינוב)

**פארוואס מוז די תורה זאגן די חיוב פון כיבוד אָב וָאֵם?**

כַּבֵּד אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה: (כ יב) פרעגט דער אלשיך הק' פארוואס דארף די תורה זאגן כַּבֵּד אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ פארוואס וואלט איך געקלערט אז מען דארף זיי נישט מכבד זיין? און ער ענטפערט אז מען וואלט געקענט מיינען, אז וויבאלד די עלטערן האבן אראפגעברענגט דיין נשמה אויף די וועלט פון עולם העליון, וואו מען איז נענטער צום אויבערשטן, האבן זיי דיר מצער געווען, זאגט די תורה חלילה אזוי צו טראכטן, ווייל לְמַעַן "יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ" עַל הָאֲדָמָה, איז וועגן עולם הבא און אויב מען קומט נישט אויף די וועלט קען מען נישט האבן עולם הבא. דעריבער דארף מען זיי מכבד זיין ווייל זיי האבן דיר באמת א טובה געטאן ע"כ. יעצט די משנה (ב"מ פ"ב מי"א) זאגט אֲבֵדַת אָבִיו וַאֲבֵדַת רַבּוֹ, של רַבּוֹ קוֹדֶמֶת, שאביו הביאו לעולם הזה, ורבו שלמדו חכמה מביאו לחיי העולם הבא. אויב אזוי איז שווער לויט די רייד פון אלשיך הק' איז דאך די תפקיד פון אביו אויך דיר צו ברענגען צו עוה"ב, איז פארוואס איז אֲבֵדַת רַבּוֹ קודמת? נאר דאס מיינט די משנה: שאביו הביאו לעולם הזה, ווייל דאס איז זיכער אז ער האט דיר געברענגט אויף די וועלט, אבער דיין תפקיד איז צו ארבעטן און זוכה זיין צו עוה"ב און באמת אן דיינע עלטערן וואלסטו נישט געקענט זוכה זיין צו עוה"ב, דעריבער איז דא דער דין פון כַּבֵּד אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ, אבער לגבי דער דין פון אבידה פון זיין רבו, איז ווייל רבו איז נאר דא דיר צוברענגען צו עוה"ב, קומט אויס אז דיין אביו איז א ספק צו ער וועט דיר ברענגען צו עוה"ב, אבער דיין רבו וועט דיר זיכער ברענגען צו עוה"ב, און מיר האבן די כלל (פסחים דף ט.) אין ספק מוציא מידי וודאי. דער טאטע איז א ספק און דיין רבו איז א וודאי, און א וודאי איז שטארקער פון א ספק. (אברהם אנכי – ר' אברהם פאלאז'י)

**פארוואס האט מען געדארפט זען די קולות**

וְכָל־הָעָם רֹאִים אֶת־הַקּוֹלֹת: (כ טו) דארף מען פארשטיין פארוואס האט געדארפט זיין אזא גרויסע נס פון קענען זען די קולות, וואס איז שלעכט מיט נאר הערן די קולות? נאר די עשרת הדברות איז דאך די יסוד פון אלעס און ווייל אלע נשמות פון כלל ישראל זענען דארטן געווען און מען האט געזאגט לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לָהֶם וְלֹא "תָעָבְדֵם" (שם טו) וואס וְלֹא תָעָבְדֵם, מיינט מען טאר נישט דינען עו"ז, אבער עס קען זיך אויך הערן וְלֹא תְאָבְּדֵם, נישט צו פארניכטן די עו"ז, און חלילה מענטשן וועלן זאגן אז עס איז נישט אסור צו דינען עו"ז! און כדי עס זאל נישט ארויסקומען א שטרויכלונג דא, דעריבער האבן אלע געזען די קולות, און געזען קלאר אז מען האט געזאגט די ווערטער וְלֹא תָעָבְדֵם, און נישט וְלֹא תְאָבְּדֵם, מען זעט אויך אזא ענין אין מגילת אסתר: שטייט אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב לְאַבְּדָם (ג ט) זאגט דער אלשיך הקדוש: וועגן הָמָן האט געוואלט אפקויפן די אידן האט ער געזאגט אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב לְעָבְדָם, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זאלן זיי פארקויפן פאר קנעכט, האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מסכים געווען צו דעם, אבער ווען הָמָן האט געשריבן די שטר האט ער געפעלשט און געשריבן לְאַבְּדָם אנשטאט לְעָבְדָם, וועגן דעם האט אסתר געזאגט, וְאִלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת נִמְכַּרְנוּ הֶחֱרַשְׁתִּי,(ז ד) אויף לְעָבְדָם, דאס וואלט איך שוין מסכים געווען, וועגן דעם האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ געזאגט מִי הוּא זֶה וְאֵי־זֶה הוּא אֲשֶׁר־מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן, צו מזייף זיין דעם איגרת המלך! און וועגן דעם האט הָמָן באקומען זיין הארבע שטראף. (תפוחי חיים – בהוספות פרדס יהודה)

**א בעל גאוה טוט נישט תשובה**

וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו: (כ כג) מען קען מרמז זיין דאס וואס עס שטייט אין זוה"ק (ויקרא כ"ג) כָּל מַאן דְּלִיבֵּי' גַּס בֵּיהּ, דער וואס האלט זיך גרויס, שׁוֹכֵחַ מַה שֶׁחוֹטֵא, ער פארגעסט וואס ער האט געזינדיגט. דאס שטייט וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי, זאלסט נישט גרויסהאלטן, "מַעֲלֹת" לשון פון גרויסהאַלטן, ווייל לֹא־תִגָּלֶה "עֶרְוָתְךָ" עָלָיו, דו וועסט פארגעסן "עֶרְוָתְךָ" דיינע עבירות, וועסטו נישט תשובה טאן. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

# מדור העובדות

## דער צדיק ר' לייב שרה'ס ראטעוועט דורך זיין חכמה א בעל חסד'ס פארמעגן

אין א שטעטל האט געוואוינט א איד א גרויסער גביר וואס האט געהאט פארשידינע געשעפטן און א גרויסע פעלד און איז אויך געווען א גרויסער בעל חסד. בעיקר האט ער פארבארגט פאר די קליינע געשעפטן זיי זאלן קענען איינקויפן סחורה אנפאנג וואך אין יריד און אזוי נאכן פארדינען האבן זיי באצאלט צוריק ענדע פון די וואך. אסאך מענטשן האבן געניסן פון דעם איד און ער האט געהאט א חלק אין די פרנסות פון אסאך אידן. און וואס מער ער האט פארליגן אלץ מער איז געוואקסן זיין פארמעגן און געקענט בארגן אסאך מער מענטשן פון נאנט און פון ווייט. איין נאכט זיצט ער ביי זיין טיש און מאכט חשבונות ביי זיך אין הויז און אין זיין צימער וואס איז געווען גוט פארמאכט און א שומר שטייט ביים טיר צו היטן, און פלוצלינג זעט ער א איד מיט א שיינעם הדרת פנים, -וואס דאס איז געווען דער רבי ר' לייב שרה'ס זצוק"ל-, שטייט פאר אים און זאגט פארן בעל הבית איך וויל פון דיר א הלואה פון 500 גאלדענע רענדלאך, וואס דאס איז געווען א הון רב, און דער איד -ר' לייב שרה'ס- זאגט איך וועל דיר באצאלן אין א פאר טעג ארום. דער בעל הבית ווערט דערשראקן פון די גאנצע מחזה און פארשטייט נישט ווי אזוי דער איד איז אריין צו א פארמאכטע שטוב, ער וויל זאגן ניין אבער דער איד קוקט אים אן און זאגט שטרענגערהייט איר מוזט מיר בארגן די געלט! און דער בעל הבית זאגט איך בארג קיינעם נישט אזא סכום, ווייל איך בארג נאר קליין געלט פאר די אלע סוחרים, אבער ווייל דו מוזט זיין א הימלישע מענטש, וועל איך דיר בארגן דעם סכום אויף א פאר טעג.

עס גייט אריבער א פאר טעג און דער בעל הבית זיצט באנאכט ביי זיינע חשבונות ווען דער זעלבער איד מיטן הדרת פנים שטייט פאר אים און זאגט איך האב דיר געברענגט די 500 רענדלאך וואס דו האסט מיר געבארגט. דער בעל הבית נעמט די געלט צוריק, אבער דער שיינער איד זאגט: איך דארף פון דיר יעצט א הלואה פון טויזנט גאלדענע רענדלאך אויף אפאר טעג און איך וועל נישט נעמען וויינִיגער! דער בעל הבית ווערט אויסער זיך צו בארגן אזא פאנטאסטישע סכום געלט צו א מענטש וואס ער קען נישט, אבער זיין הארץ זאגט אים אז דאס איז נישט קיין פשוטער זאך און האלט די 500 רענדלאך און נעמט ארויס פון זיין אוצר נאך 500 רענדלאך און דערלאנגט די 1000 גאלדענע רענדלאך צו ר' לייב שרה'ס, און ר' לייב שרה'ס ווערט פארשוואונדן אזוי ווי ער איז געקומען. אין אפאר טעג ארום חזר'ת זיך איבער די זעלבע זאך און ר' לייב שרה'ס קומט פלוצלינג אינמיטן די נאכט צום בעל הבית, און ברענגט די 1000 רענדלאך און גיט דאס איבער צום בעל הבית. דער בעל הבית ציטערט פון שרעק און הייליגקייט פון דעם איד וואס שטייט פאר אים, און ר' לייב שרה'ס רופט זיך אן שטרענגערהייט: זעסט דאך אז איך בין א וואָרט'ס מענטש און איך האב דיר באצאלט אויפן טאג, און יעצט וויל איך זאלסט מיר בארגן אלעם וואס דו פארמאגטס אין דיין אוצר און איך זאג דיר צו אז ביז א וואך וועל איך דיר באצאלן ביזן לעצטן רענדל!

דער גביר האט געזאגט פאר ר' לייב שרה'ס אז ער האט פונקט היינט פארדינט א ריזיקן סכום אויף א געשעפט און ער קען נישט אוועק בארגן אזא סכום, און בפרט אז ער דארף דאך געלט צו בארגן פאר די פילע סוחרים וואס ווארטן אויף זייערע הלוואות! רופט זיך אן ר' לייב שרה'ס: די איין וואך וועסטו זאגן אז דו האסט יעצט נישט און ביי די קומענדיגן וואך וועסטו זיי בארגן מער, און איך זאג דיר אז עס וועט זיין פאר דיר א גאר גרויסע טובה אויב דו בארגסט מיר דיין גאנצע פארמעגן! און דו זעסט דאך אז איך באצאל צוריק, דער גביר ווערט דערשראקן פון די שטרענגע רייד, און גלויבט אז דער וואס שטייט פאר אים איז א באהאלטענער צדיק און ער קען אים נישט אפזאגן, און ער גייט אריין אין זיין אוצר און נעמט די גאנצע געלט און ציילט דאס און שרייבט א שטר און גיט זיין גאנצע פארמעגן צו ר' לייב שרה'ס, וואס זאגט אים: אין א וואך ארום וועל איך דיר אלעם צוריק ברענגען!

אויפצומרגן האט זיך אויס געבראכן א שריפה אין די שטעטל פון דער בעל חסד און הויז נאך הויז האט זיך פארברענט, און אויך די הויז פון בעל חסד און זיין פעלד איז אינגאנצן חרוב געווארן, און דער בעל חסד און זיין משפחה זענען ארויס געלאפן פון שטוב און מיט נסים זענען זיי נישט געשעדיקט געווארן אבער די שטוב איז פארברענט געווארן. די ראשי הקהל האבן געשאפט אכסניות פאר די אלע משפחות אבער די שווערסטע איז געפאלן אויפן גביר וואס יעצט איז ער איבערנאכט געווארן א ארימאן, אבער אין א פאר טעג ארום קומט צום גביר ר' לייב שרה'ס און פרעגט האסטו שוין פארגעסן פון די געלט וואס דו האסט מיר געבארגט? ר' לייב שרה'ס ברענגט די זעקל פול מיט געלט וואס דער בעל חסד האט אים געבארגט און ר' לייב שרה'ס זאגט יעצט נעם די געלט און בוי זיך צוריק א הויז און אויך פאר די אנדערע מענטשן וואס האבן פארלוירן זייערע הייזער!

דער בעל חסד איז געפאלן צו די פיס פון ר' לייב שרה'ס און געזאגט יעצט פארשטיי איך שוין אלעם וואס דו האסט געטאן, און דער אויבערשטער האט דיר געשיקט א שליח צו ראטעווען מיין פארמעגן! האט ר' לייב שרה'ס געזאגט: אז אין הימל איז געווען זייער חשוב דיין מעשה הצדקה און מען האט געוואוסט אז עס וועט זיין א גזירה פון שריפה און חלילה דיין הויז איז געווען בתוך הגזירה אבער די זכות הצדקה האט אזוי געשיינט אז מען האט מיר געמאכט דער שליח צו ראטעווען דיין פארמעגן, און יעצט וועט דער אויבערשטער ווייטער פירן צו הצלחה בכל דרכיך.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

*מיר האבן אסאך ספרים מיט חתימות פון אידן פארן קריג, שיקט אריין די נעמען פון אייער קרובים און מיר קענען טרעפן זייער נעמען אין די ספרים, תהלים נדפס בסלאוויטא חסר רק ד' דפים יש שער במעמדות $13000, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר $1500, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמור"י טשערנאביל $200, רק שני עותקים, ספרי נגינה וואס האבן באלאנגט צו החזן הרה"ח ר' בן ציון שענקער ז"ל, $2000 א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט אים געגעבן אלץ בחור $1000, סידור חסד לאברהם עם כוונת האריז"ל מנטובא תקמג מצב מצויין כמו חדש $10000 כל הקודם זוכה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת